# ראב"ד ירושלים הגאון האדיר רבי משה שטערנבוך שליט"א



## גדויס האלטן אויף אנדערע

**"וויעש כן אהרן"(ח'-ג').**

'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה'. (רש"י)

**מען** דארף פארשטיין וואס איז די 'שבח' אז אהרן הכהן האט נישט משנה געווען, ס'איז דאך א פשוט'ע זאך אז ער האט געטוהן פונקט וואס דער באשעפער האט אים געהייסן.

**נאר** די הסבר אויף דעם קען זיין, אז כאטשיג די מצוה פון 'הדלקת הנירות' האט נאר ער געהאט, פונדעסטוועגן האט ער נישט משנה געווען צו שפירן אין די מצוה אז ער איז גרעסער און חשוב'ער ווי גאנץ כלל ישראל, נאר ער האט עס מקיים געווען און אנגעקוקט אזוי ווי אלע אנדערע מצוות וואס ער איז גלייך מיט דעם צו גאנץ כלל ישראל.

**פון** דא קענען זיך לערנען די מענטשן וואס זענען זוכה זיך צו פירן מיט ספעציעלע חומרות און הנהגות וואס די אלגעמיינע ציבור פירט זיך נישט מיט דעם, אז ער זאל אכטונג געבן זיך נישט צו גרויס האלטן וועגן דעם, און זיכער נישט אנקוקן אנדערע וואס פירן זיך נישט אזוי מיט א שוואכערע בליק, און בפרט טאמער וועט ער פילן ביי זיך אז ער איז שוין א גרויסער צדיק און א מושלם צוליב די חומרות וואס ער איז מדקדק וועט ער שוין נישט אנזעהן זיינע אנדערע חסרונות, און ער וועט שוין מער נישט ארבעטן זיך צו מתקן זיין.

## ווייטער זיך באשעפטיגן מיט חסד פאר אנדערע

**מ'קען** מסביר זיין די רש"י מיט א נייע מהלך, אז נישט אז ער האט גארנישט משנה געווען אין די עבודה פון די מנורה, נאר ער האט נישט משנה געווען פון די עבודה וואס ער פלעגט זיך באשעפטיגן ביז יעצט, צו ברענגען שלום צווישן איין איד מיט'ן צווייטן, און דאס איז טאקע א גרויסע חידוש, ווייל סתם אזוי וואלט איך געזאגט אז ווען אהרן האט באקומען אזא חשוב'ע עבודה אנצוצינדן די מנורה, האט ער זיכער אפגעלאזט זיין ארבעט צו מאכן שלום צווישן אידישע קינדער, און איז געגאנגען עוסק זיין אין דינען דעם באשעפער טאג און נאכט בקדושה וטהרה, פארדעם קומט צו מיר דא לאזן הערן אז ער האט גארנישט משנה געווען פון ביז יעצט, און ער האט זיך ווייטער ארומגעדרייט מאכן שלום.

**און** דאס איז א מוסר השכל פאר יעדן איינעם, אז א מענטש זאל נישט זאגן איך בין עוסק א גאנצן טאג אין לימוד התורה אדער אין אנדערע מצוות און איך האב נישט קיין צייט צו טוהן חסד מיט אנדערע, ווייל ער איז נישט גרעסער פון אהרן הכהן וואס טראץ זיין גדלות און זיין קדושה האט ער זיך ארומגעדרייט צווישן כלל ישראל און געזוכט ווי אזוי ער קען זיי העלפן און מאכן שלום צווישן זיי.

**און** אזוי האט מען אויך געזעהן ביי די גדולי און מנהיגי ישראל אין אלע דורות, אז טראץ וואס זיי האבן עוסק געווען אין תורה און עבודת ה', פלעגן זיי זיך נאך אלץ אינטערעסירן אין די מצב פון די ציבור, און האבן עוסק געווען אין חסד, און געטוהן אסאך גוטע פעולות פאר אנדערע אידן. און פארקערט, דורך די פילע פעולות וואס זיי האבן געטוהן פאר'ן כלל, האט זיך דער באשעפער געפירט מיט זיי מידה כנגד מידה, און אריינגעשיינט אין זיי פילע הארות צו קענען מחדש זיין ריכטיגע חידושים אין די תורה הק'.

## בני תורה דארפן זיין גרייט זיך צו מבזה זיין

**"הזה עליהם מי חטאת והעבירו תער על כל בשרם"(ח'-ז').**

**דער** באשעפער האט געהייסן אז מ'זאל שערן די לויים אזוי ווי מ'מאכט פאר די מצורעים, פרעגט שוין רש"י פארוואס האט דער באשעפער באפוילן מבזה צו זיין די לויים אזוי ווי די מצורעים.

**נאר** ס'קען זיין אז וויבאלד די לויים האבן נישט באקומען קיין נחלה אין ארץ ישראל, און זיי האבן נישט געהאט קיין אייגענע פרנסה, און זייער גאנצע פרנסה האבן זיי באקומען פון די תרומות און מעשרות, די חלה און ביכורים, אזוי אויך די זרוע לחיים וקיבה, און די ראשית הגז, און פארשטייט זיך אז ס'איז געווען א זלזול ווייל ס'האט אויסגעזעהן ווי זיי דארפן אנקומען צו אנדערע, און ס'איז אויך געווען אזעלכע וואס האבן זיי אנגעקוקט ווי שנארער'ס, און ווי מענטשן וואס ווילן נישט גיין ארבעטן נאר לעבן אויף א צווייטנ'ס חשבון, פארדעם האט זיי דער באשעפער געהייסן זיך שערן פאר זיי זענען געווארן משרתי ה', כדי זיי זאלן טאקע זיין גרייט צו ווערן פארשעמט פונקט ווי א מצורע, און ס'זאל זיי נישט אנגיין פון קיין שום בזיונות ווען זיי ווייסן וואספארא זכי' זיי האבן צו זיין משרתי ה', און די גרויסע שכר וואס איז פאר זיי צוגעגרייט אין עולם הבא.

**און** דאס איז א לימוד פאר די בני תורה אין אונזער דור, וואס דער רמב"ם (פי"ג מהלכות שמיטה ויובל הל' י"ג) שרייבט אז זיי ווערן אנגערופן די בני לוי אין יעדע דור, נישט נתפעל צו ווערן און זיך צוטוהן מאכן פון די פרייע אידן וואס שרייען אויף די ישיבה בחורים און די כולל יונגעלייט אז זיי לעבן אויף יענעמ'ס קאנטע, זיי דארפן זיך האלטן שטארק אזוי ווי שבט לוי, און נישט קוקן אויף די וואס פארשעמען זיי אז זיי גייען נישט ארבעטן, נאר זיי זאלן געדענקען די גרויסע שכר וואס ווערט אוועקגעלייגט פאר זיי אין עולם הבא, און אזוי וועלן זיי שוין אויך צושטימען אויסצוקוקן ווי די מצורעים און זיין אפגעשיידט פון די ארומיגע, אלעס צו קענען זיין דבוק אין די תורה הק'.

**און** די אמת איז אז די בני תורה שפייזן זיך נישט פון אנדערע, נאר פארקערט גאנץ כלל ישראל שפייזט זיך אין זכות פון זיי, ווייל די גאנצע שפע וואס קומט אראפ אויף די וועלט איז אין זכות פון די לומדי תורה, און בפרט די וואס שטיצן די בני תורה ווערן געבענטשט מיט אלע ברכות פונעם באשעפער.

## זיין נזהר אין כבוד רבו

**"ויען יהושע בן נון משרת משה מבחריו ויאמר אדני משה כלאם" (י"א-כ"ח)**

אין אנו מוציאין שהיו שנותיו של יהושע כשנות משה רבינו שמשה כתוב בו ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו (דברים ל"ד) ויהושע נגנז בן מאה ועשר, ולמה פחתו לו עשר שנים בשביל שאמר לפני משה רבו עשרה דברים שנאמר (במדבר י"א) ויען יהושע בן נון משרת משה מבחוריו ויאמר אדוני משה כלאם לפיכך פחתו לו עשר שנים, מכאן אתה למד שאין תלמיד רשאי לומר דבר לפני רבו שכל המורה דבר לפני רבו או אפילו אינו מורה אלא אומר לאחרים הלכה במקום שרבו מצוי שנותיו מתקצרות.

(תנחומא תצוה ח')

**די** מדרש ברענגט דא ארויס ווי הארב עס איז צו פוגע זיין אין די כבוד פון א רבי, ווייל מ'זעהט אז יהושע איז געשטראפט געווארן מיט'ן אראפרעכענען צען פון זיינע לעבנ'ס יארן צוליב די פאר ווערטער וואס ער האט געזאגט פאר משה רבינו, און דאס איז געווען א פגיעה אין די כבוד פון משה רבינו, וויבאלד א תלמיד טאר זיך נישט אנרופן אין פראנט פון זיין רבי.

**דארפן** אונז זיך פון דעם ארויסלערנען אז א תלמיד טאר נישט געבן עצות און איינטיילן פאר זיין רבי'ן וואס צו טוהן, אפילו ער מיינט עס פאר זיין טובה, ווייל יהושע האט אויך אינזין געהאט מיט די עצה די טובה פון משה רבינו, און פונדעסטוועגן איז ער געשטראפט געווארן אויף דעם וויבאלד ס'איז געווען א פגיעה אין כבוד התורה.

**איך** האב געהערט אז דער פאנאווידזש'ער משגיח הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל פלעגט רודערן פון די ווערטער פון חז"ל, און ער האט אסאך מעורר געווען מיט דעם ווי

שטארק א מענטש דארף אכטונג געבן אויף די כבוד פון זיין רבי, ווייל מ'זעהט דא אז צוליב אפאר איינצעלנע ווערטער וואס יהושע האט געזאגט האט מען פאר'קורצ'ערט זיין לעבן מיט צען יאר, זעהט מען פון דעם ווי הארב די ענין איז.

## ס'ווערט אראפגערעכנט שכר פון עולם הבא וועגן די כבוד

**"והאיש משה עניו מאוד מכל האדם" (י"ב,ג')**

**א** מענטש דארף צו וויסן אז די כבוד וואס ער באקומט אויף די וועלט רעכנט מען אים אראפ אסאך פון זיין שכר אין עולם הבא, ווייל יעדע הנאה וואס א מענטש האט אויף די וועלט רעכנט מען אים אראפ פון זיין עולם הבא, און בפרט פאר כבוד וואס איז מער א רוחניות'דיגע הנאה, און אין 'ספר החסידים'(סי' פ"ד) מערקט ער שוין אויף אז 'א מענטש זאל זיך נישט פרייען ווען מ'איז אים מכבד, ווייל לויט וויפל כבוד ער האט אין עולם הזה, רעכנט מען אים אראפ פון זיינע זכותים אין עולם הבא', און וועגן דעם זאל א מענטש זעהן צו מקיים זיין די פסוק (מיכה ו',ח') 'והצנע לכת עם אלוקיך'.

**ווען** דער הייליגער 'חפץ חיים' איז געפארן קיין מאסקעווע וועגן זיין ישיבה, האט ער צום ערשט געשיקט א בריוו צו איינעם פון זיינע באקאנטע און אים געלאזט וויסן ווען ער פלאנט צו קומען, אבער ער האט אים אנגעווארנט אז ער זאל נישט דערציילן פאר'ן ציבור די טאג וואס ער דארף אנקומען כדי זיי זאלן אים נישט קומען מכבד זיין, נאך וואס ער איז שוין דארט געווען האט דער איד געפרעגט פונעם חפץ חיים, פארוואס ער האט אפגעהאלטן פון אים מקבל פנים זיין,און אפגעבן די ריכטיגע כבוד התורה, האט ער אים גענטפערט, אזוי ווי ווען איינער גרייט אן קוגעל לכבוד שבת, קען מען עס נישט עסן ערב שבת, ווייל ס'וועט נישט איבערבלייבן אויף שבת, די זעלבע איז מיט די כבוד וואס דאס איז די קוגעל וואס איז צוגעגרייט אויף די יום שכולו שבת, און אז איינער האט הנאה פון דעם אויף די וועלט וועט אים נישט איבערבלייבן פון וואס הנאה צו האבן אין עולם האמת.

**אזוי** אויך דערציילט מען אויפן חפץ חיים אז מ'האט אים מכבד געווען ביי א אסיפת הרבנים צו זאגן די דברי פתיחה, און ער האט נישט געוואלט אננעמען די כיבוד צו רעדן די ערשטע, ביז מ'האט אים אויפגעקלערט אז ס'קומט זיך פאר אים וויבאלד ער איז דער כהן און זקן שבחבורה, נאר דעמאלט'ס האט ער אנגעפאנגען צו רעדן מיט א געוויין, און געזאגט, 'איך בין נישט קיין רב, און נישט קיין מגי"ש, נאר א פארקויפער פון ספרים, און איך באקום אסאך כבוד אין מיין לעבן, איך האב מורא אז ס'בלייבט מיר גארנישט איבער אויף לעתיד לבוא, לאזט'ס מיר איבער אביסל, און ענק זאלן וויסן אז איך ווייס ביי מיר אז ס'קומט זיך מיר גארנישט, פארדעם זייט'ס מיר נישט מכבד מער', און ער האט זיך ממש געווארפן פון געוויין ווען ער האט געזאגט די ווערטער.

**אויך** האב איך געהערט אז נאך די פטירה פון דער מהר"ם שפירא פון לובלין זצ"ל האט ער זיך באוויזן אין חלום צו איינער פון די מנהלים פון זיין ישיבה, און ער האט אים געזאגט, אז אין הימל רעכנט מען זיך נישט נישט מיט ישיבת חכמי לובלין און נישט מיט דף היומי, נאר מ'איז איין זאך בודק צו ער איז געווען א עניו. ס'קען זיין פשט אין זיינע ווערטער,אז אויב איז ער געווען א בעל גאווה און געזוכט כבוד, רעכנט מען אים אראפ זייער אסאך פון זיין שכר וועגן די הנאה פון די כבוד וואס ער האט געהאט אויף די וועלט, בלייבט שוין כמעט נישט קיין זכותים צו באקומען אויף דעם שכר, וועגן דעם איז מען בודק טאמער ער האט זיך געהאלטן קליין און נישט הנאה געהאט פון די כבוד אויף די וועלט, און דעמאלט'ס באקומט ער שכר אויף אלע זיינע פעולות, פארן אויפשטעלן די ישיבה און אלע זיינע אנדערע אויפטוהונגען.

**הגה"צ** רבי ישראל סאלאנט'ער זצ"ל האט שוין געזאגט, אז די וועלט איז אזוי ווי א טייערע האטעל וואס איז אפן פאר יעדעם איינעם צו קומען עסן דארטן, אבער נאכ'ן עסן באקומט מען א פונקטליכע חשבון,און מ'דארף באצאלן אויף יעדע קליינע דיטעל וואס ער האט הנאה געהאט, די זעלבע איז די וועלט, ס'איז אפן פאר יעדן צו הנאה האבן וויפל מ'וויל, אבער נאך די פטירה פון א מענטש באצאלט ער א טייערן פרייז פאר יעדע הנאה וואס ער האט געהאט אויף די וועלט, ווייל מ'רעכנט אים אראפ פון זיין עולם הבא אויף יעדע קליין הנאה, און בפרט אויף די הנאה פון כבוד.

## סיפורים וואס איז דערציילט געווארן דורך מרן שליט"א אויף הגה"צ רבי אהרן כהן זצ"ל

**פאלגנד** ברענגען מיר אראפ עובדות וואס מרן שליט"א האט דערציילט אין פארשידענע געלעגנהייטן אויף הגה"צ רבי אהרן כהן זצ"ל ראש ישיבת חברון, און פון די מקורבים ביי הרה"ק בעל 'שומרי אמונים' זי"ע, וואס זיין יארצייט געפאלט די פרייטאג ביום י"ח סיון. מרן שליט"א פלעגט זיך אסאך דרייען ארום רבי אהרן זצ"ל אין ישיבת חברון. רבי אהרן זצ"ל האט אויך עוסק געווען אין די שידוך פון מרן שליט"א ווי א טאטע פאר זיין קינד בשליחות פון מרן החזון איש זצ"ל, נאך וואס מרן שליט"א איז געווען א יתום פון זיין טאטע.

**א]** איך האב געהערט פון הגה"צ רבי אהרן כהן זצ"ל, אויף דאס וואס מ'זאגט נאך פון הגאון רבי ישראל סאלאנט'ער זצ"ל, אז 'סיי די חסידים און סיי די מתנגדים לעבן אין א טעות, די מתנגדים זענען זיך טועה מיט דעם וואס זיי מיינען אז מ'דארף נישט האבן קיין רבי, און די חסידים מיט דעם וואס זיי מיינען אז זיי האבן א רבי', אז הג"ר ישראל סאלאנט'ער האט נישט געמיינט ח"ו צו זאגן אז די רבי פון די חסידים איז נישט קיין רבי, נאר פארקערט, אז אסאך מענטשן מיינען אז מיט די עצם זאך אז זיי פאררופן זיך אויף א געוויסע חסידות הייסט עס אז זיי האבן א רבי, אבער די אמת איז אז ווילאנג זיי זענען נישט אמת'דיג דבוק אין דער רבי, זיך צו לערנען פון זיינע מעשים און פון זיינע הנהגות, און זיך פארבעסערן דורך אים אין תורה און יראת שמים, ווערט ער נאכנישט פאררעכנט אלס א חסיד פון דער רבי, און דאס האט הג"ר ישראל געמיינט צו זאגן מיט די ווערטער אז 'חסידים מיינען אז זיי האבן א רבי'.

**ב]** איך האב געזעהן ווען הגה"צ רבי אהרן זצ"ל האט געזאגט תהילים אויף א באס, און אין פראנט פון אים איז געזעצן א פרוי מיט אויפגעדעקטע האר, האט ער זיך נישט באגענוגט מיטן האלטן זיינע אויגן אויף אראפ, נאר ער האט ארויפגעלייגט זיין האנט העכער זיין אויג כדי ער זאל בכלל נישט קענען זעהן, וויבאלד ער האט געהאלטן אז אפילו ביי א פלאץ וואס העלפט נישט צו פארמאכן די אויגן, אבער מיטן צודעקן די אויגן איז די דין אזוי ווי ער דרייט אוועק די פנים ווייל ער קען שוין נישט זעהן, אבער ס'קען זיין אז ער האט געהאלטן אז ס'פעלט אויס נאר לכתחילה, אדער קען זיין אז ער האט געהאלטן אז פארמאכן די אויגן מיינט כפשוטו ממש, און ס'איז נישט גענוג מיטן ארייננקוקן אין א ספר, אבער א מחיצה מיט די האנט העלפט יא, און וועגן דעם האט ער זיך אזוי געפירט. (תשובות והנהגות ח"א סי' ס"ד)

**ג]** הגה"צ רבי אהרן כהן זצ"ל האט מיר דערציילט אז ער געבט אכטונג נישט צו פארן פון מירון צו צפת און פארקערט, וויבאלד ס'איז דא פלעצער אונטער יענע גאס ווי ס'איז דא קברים.

**ד]** אמאל האט הגה"צ רבי אהרן זצ"ל געדארפט אריבערגיין א אפאראציע פון א האלבע שעה אדער א דריי פערטל שעה, אבער מ'האט אים נישט געקענט איינשלעפערן ווייל ער האט געהאט זייער א שוואכע גוף (ער האט געוואויגן ארום פערציג קילו) צוליב זיינע אלע תעניתים, האט ער געזאגט פאר די דאקטורים אז מ'זאל עס אדורכפירן ווען ער איז וואך, און אזוי איז טאקע אריבער די אפאראציע בשלום, ויהי לפלא.

**ה']** רבי אהרן זצ"ל האט פארגעלייגט פאר מרן מ'בריסק זצ"ל זיין חידוש אז אין יו"ט פסח איז דא צוויי עקסטערע ימים טובים וואס האבן זיך פונקט צוזאמגעטראפן, איינס איז 'חג הפסח' און די צווייטע איז 'חג המצות', און מרן זצ"ל האט אויסגעהערט און געשוויגן, און ווען הג"ר אהרן איז אריבערגעגאנגען אים וואונטשן א גוט יו"ט, האט אים מרן זצ"ל געענטפערט 'א גוטן חג המצות, א גוטן חג הפסח'.

# א מאמר אין הלכה

### גיין מיט א אויפגעדעקטע קאפ

**עס** איז דא א צד צו זאגן אז אזוי ווי מ'טאר נישט זאגן 'שלום'פאר איינער וואס געפונט זיך אין בית המרחץ וויבאלד ער איז אים מכשיל מיטן צוריק ענטפערן, די זעלבע איז צו זאגן שלום פאר איינער וואס גייט מיט א אויפגעדעקטע קאפ, וויבאלד ער איז אים מכשיל צוריק צו ענטפערן די שם ה' פון שלום מיט א גילוי ראש, און ס'איז אסור צו זאגן מיט א דרך מגונה. אבער וויבאלד זאגן די שם ה' מיט א אויפגעדעקטע קאפ איז נישט קיין זיכערע זאך אז ס'איז אסור, און מיטן זאגן שלום האט ער נישט אינזין ארויסצוזאגן די שם ה' נאר צו וואונטשן איז נישט דא אין דעם קיין שום פראבלעם, און בפרט לויט דער גר"א מיט הגרע"א איז נישט דא קיין איסור אויף אזא פאל, און איינער וואס איז מחמיר איז עס א מידת חסידות. און אזוי ווי ס'שטייט אין שו"ת הלכה למשה און נישט ווי ס'שטייט אין שו"ת רבבות אפרים. אבער ס'קען זיין אז ס'איז בעסער אז מ'זאל זאגן 'א גוט מארגן' אדער א גוטע נאכט, און נישט דערמאנען די שם ה'. (תשובות והנהגות ח"א סי' י"ב)

**עס** איז דא צוויי טעמים אין צודעקן די קאפ, די ערשטע איז וויבאלד ס'איז אסור צו גיין בגילוי ראש (כמבואר בקידושין ל"ו, און גע'פסק'ענט אין שו"ע סי' ב' ס"ו), און צוליב דעם איז מעיקר הדין אסור נאר מער ווי ד' אמות, און מידת החסידות איז אפילו וויניגער פון ד' אמות, און לויט דער ט"ז איז היינטיגע צייטן אסור אין יעדן פאל וועגן 'ובחוקותיהם לא תלכו', און לויט דעם איז גענוג אויך א קליין כיסוי. די צווייטע טעם איז וואס ס'שטייט אין מס' שבת קנ"ו: 'כסי רישך כי היכי דתיהוי עלך אימתא דשמיא', (דער מג"א ברענגט עס אין סי' ב' ס"ו, און אין ביאור הגר"א סי' ח', ס"ב), און די יסוד פון דעם איז אז ס'זאל אים צוברענגען יראת שמים, און לויט דעם איז נישט גענוג קיין קליין קאפל, וואס ס'איז אויפגעדעקט רוב קאפ, נאר ס'דארף זיין א כיסוי וואס ברענגט צו יר"ש, אזוי ווי דער ביאור הגר"א שרייבט דארט, און די שיעור פון אזא כיסוי איז דא וואס ברענגען בשם דער חזון איש אז ס'דארף זיין א שיעור וואס זאל צודעקן רוב קאפ. אבער לגבי די איסור צו מאכן א ברכה אן קיין כיסוי איז גענוג פאר דעם א קליין כיסוי, אזוי ווי מ'זעהט אז ס'העלפט פאר א כיסוי דורך זיין חבר'ס האנט. (תשוה"נ ח"א סי' י"ג)

### זאגן שלום

**אין** שו"ע שטייט אז אפי' איינער טרעפט זיין חבר אין גאס זאל ער אים זאגן 'א גוט מארגן' [און נישט שלום עליך]„ כאטש אז ס'איז נישט אסור מן הדין, דאך כדי ער זאל אויפכאפן אז ער זאל זיך נישט זוימען פארן דאווענען מיט אנדערע זאכן, דאס הייסט אז דורך די שינוי וועט ער זיך דערמאנען. וועגן דעם איינער וואס איז געוואוינט צו זאגן 'א גוט מארגן' זאל זאגן 'צפרא דמרי טב', און אפי'מיטן משנה זיין אז ער שאקלט מיטן קאפ איז אויך גענוג.

**זעהט** מען אז מ'דארף זיך משתדל זיין נישט צו רעדן פארן דאווענען, און עכ"פ זאל ער קודם כאטש זאגן ברכות השחר וואס דאס איז גרינגער, און ס'איז בעסער אויך צו זאגן ברכות התורה, און אויך קרי"ש מיט א תנאי קודם הדיבור, אזוי איז ער שוין מן התורה יוצא קרי"ש און תפילה. (תשוה"נ ח"א סי' ע"א)

**אין** רש"י (מכות כ"ג:) ברענגט ער צוויי פירושים צו ס'איז א חיוב צו בענטשן א צווייטן מיט די שם פון שלום אדער ס'איז א רשות, און ס'זעהט אויס אז מ'האט אנגענומען אז ס'איז א רשות, ווייל אסאך מענטשן וואונטשן 'א גוט מארגן' און נישט 'שלום', למעשה דארף מען חושש זיין אויף די צווייטע דעה אז ס'איז א חיוב, אזוי שרייבן אויך דער ערוך און דער מאירי, פארדעם איז בעסער צו בענטשן מיט שלום, און די ספרדי"שע וואס וואונטשן 'שבת שלום' איז זייער גוט, אבער די אשכנזי"ם וואס וואונטשן 'א גוט שבת' דארף מען זאגן אז מ'נעמט אן אזוי ווי דער זוה"ק אז שבת איז די נאמען פון באשעפער, פארדעם איז גענוג מיט דעם. (תשוה"נ ח"ד סי' מ"ח)

**די** עיקר תקנה פון זאגן שלום איז כדי צו דערמאנען די נאמען פון באשעפער אין יעדע צייט, פארדעם פירט מען זיך צו זאגן אויף יעדע זאך 'ברוך השם', און פארדעם פירט מען זיך אויך צו שרייבן אין בריוון ב"ה צו דערמאנען אין יעדע פעולה זיין נאמען. ס'איז דא וואס זענען מדקדק צו שרייבן אין בריוון דווקא בעזהשי"ת און נישט ב"ה, וויבאלד ווען ער שרייבט ב"ה איז ה' אזוי ווי מ'שרייבט סתם זיין נאמען, און דער בעל 'צפנת פענח' האט חושש געווען אויף דעם אז ווען מ'מעקט עס אויס איז עס א 'מחיקת ה'. און א קלוגער איד האט מעיר געווען אז ס'איז ענדערשטער צו שרייבן בעזהשי"ת און נישט בס"ד, וויבאלד שמים וארץ איז נאר א כינוי און ס'האט נישט די מעלה פון דערמאנען די שם ה'. (תשוה"נ ח"ד סי' מ"ח).

# פארשידענע הנהגות און הדרכות בקודש פנימה

### א כולל צו לערנען קדשים

**מו"ר** הגה"צ רבי משה שניידער זצ"ל האט מיר דערציילט, אז ווען ער האט געהערט אז דער הייליגער 'חפץ חיים' גייט עפענען א כולל צו לערנען קדשים און עס אויסהאלטן, און צוברענגען מיט דעם אז משיח צדקנו זאל שנעלער אנקומען, האט ער זיך געוואונדערט און ער איז געפארן צו אים און אים געפרעגט, אז לכאורה איז בעסער ער זאל געבן די געלט פאר צען יונגעלייט זאלן ארומפארן פון איין שטאט צו די צווייטע און אויפטוהן גרויסע זאכן אין חינוך הבנים והבנות און אין היטן שבת, און ס'וועט זיין א גרויסע איבערקערעניש מיטן היטן די תורה אין יעדע פלאץ, און צוליב די איבערקערעניש וועט דער באשעפער אונטעריאגן די גאולה שלימה, און וועגן לערנען קדשים וועט זיך שוין דער באשעפער דעמאלט'ס זארגן אז אונז זאלן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

**האט** דער חפץ חיים אים געענטפערט, אין אמת'ן אריין ביזטו גערעכט אז דאס איז טאקע די חובת השעה, אבער דאס ליגט נישט ספעציפיש אויף אים, און ס'איז דא נאך אידן וואס קענען און זענען גרייט עוסק צו זיין אין די ענין, אבער לגבי אוועקשטעלן א כולל צו לערנען קדשים זעהט נישט אויס אז ס'איז דא נאך איינער וואס קענען עס נעמען אויף זיך און טראגן די שווערע עול, און וועגן דעם נעמט ער אויף זיך די תפקיד, און ער האפט מצליח צו זיין בעזר ה'.

### לערנען אן באקומען באצאלט

**הגאון** רבי יחזקאל אבראמסקי זצ"ל האט מסביר געווען די ווערטער וואס משה רבינו האט געזאגט פאר די עדת קרח (במדבר ט"ז,ט') "המעט מכם כי הבדיל אלוקי ישראל אתכם מעדת ישראל להקריב אתכם אליו לעבוד את עבודת משכן ה' ", אז משה רבינו האט אפגעפרעגט די טענות פון קרח ועדתו, און זיי געזאגט, 'פארוואס בעטן ענק זיך צו באקומען א 'פאסטן' צו הייסן חשוב'ע אידן, דאס אליינ'ס אז ענק זענען אפגעשיידט און העכער פון גאנץ כלל ישראל, ענק זענען אויף די דרגה פון שבט לוי, דאס איז דאך די גרעסטע און חשוב'סטע זאך, און ס'פעלט נישט אויס מער פון דעם, וויבאלד ענק האלטן דאך אן גאנץ כלל ישראל און די גאנצע וועלט', און דאס האט ער געמיינט צו זאגן 'המעט מכם כו', אז וויבאלד ענק קומען בעטן נאך עפעס און ס'איז ענק נישט גענוג וואס ענק פארמאגן שוין, איז א ראי'אז ענק שעצן נישט גענוג די חשיבות פון זיין א חלק אין שבט לוי און באדינען דעם באשעפער.

**האט** הגר"י אבראמסקי זצ"ל צוגעלייגט, אז דאס איז א הוראה פאר אלע דורות פון תלמידי חכמים וואס זיצן א גאנץ לעבן און לערנען אין כולל, און זיי ווערן נישט אויפגעהויבן אויף קיין שום פאסטן, אז זיי דארפן זיך פרייען מיט דעם אליינ'ס אז זיי האבן די זכות צו זיצן און לערנען, וואס מיט דעם האלטן זיי אן די גאנצע וועלט.

### דאווענען פון די כולל יונגעלייט

**דער** פאנאווידזש'ער משגיח הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל פלעגט קרעכצן און זיך באקלאגן אויף דעם אז די כולל יונגעלייט דאווענען נישט אין כולל, וויבאלד תפילה איז דאך די שליסל פאר הצלחה אין תורה, און ווי אזוי קען מען נאכלאזן די דאווענען ס'זאל נישט זיין מיט קיין געהעריגע כוונה, און וועגן דעם פלעגט ער בעטן פון די יונגעלייט זאלן קומען דאווענען אין ישיבה, ווייל א תפילה אין ישיבה איז אנדער דאווענען אינגאנצן.

**אזוי** האב איך אויך געזעהן ביי הרב דעסלער זצ"ל, ווען ער האט אויפגעשטעלט די כולל אין געיטסעיד, האט ער געבעטן אז ס'זאל זיין א עקסטערע בית הכנסת אין כולל פארן דאווענען, ווייל תורה און תפילה איז אנגעהאנגען איינס אין די צווייטע, און מ'קען נישט מצליח זיין אין תורה אן האבן א רואיגע פלאץ צו דאווענען מיט א ישוב הדעת

**פאריגע וואך האבן אונז אראפגעברענגט דא די השתלשלות פון די כוללים וואס מרן שליט"א האט אויפגעשטעלט אין לויף פון די יארן, אונז האבן אנגעפאנגען מיט די ערשטע כולל וואס מרן שליט"א האט אויפגעשטעלט אין שטאט ראש העין, און בעז"ה ברענגען מיר דא אראפ נאך פארשידענע ענינים וועגן די כולל אין ראש העין.**

**צו** אויפשטעלן די כולל אין שטאט ראש העין איז איינגאנצן נישט געווען קיין גרינגע ארבעט, ס'האט אפגעקאסט זייער אסאך געלט, ווייל די תימנ'ער אידן פלעגן אלע ארבעטן שווער אויף פרנסה, און האבן אפילו נישט געוואוסט צו זאגן פון די נאמען 'כולל', אויך זייערע רבנים וואס זענען אנגערופן געווארן 'מארי' האבן זיך געפלאגט אויף פרנסה, און זיי האבן נישט פארשטאנען די וויכטיגקייט פון עפענען א כולל אין די שטאט צו קענען לעבן דארט א תורה'דיגע לעבן, און וועגן דעם האט קיין איין שוהל נישט מסכים געווען אריינצונעמען די כולל צווישן אירע ווענט [ דארף אנגעצייכנט ווערן אז די ארטיגע שוהלן זענען נישט געווען אונטער קהל אדער הקדש, נאר ס'האט באלאנגט פאר פרטי'שע אידן וואס זיי האבן פארשטייט זיך געהאט די געוועלטיגע בעלות אויף איר].

**נאך** אסאך פלאגענישן דורך מרן שליט"א איז געטראפן געווארן איין שוהל וואס דער בעה"ב האט מסכים געווען דארטן איינצוקווארטירן די כולל, און טאקע גלייך האט מרן שליט"א געעפנט אירע טויערן, און אויך דער 'רב הראשי' פון ראש העין איז אהינגעקומען לערנען אין די כולל, און ב"ה די כולל האט שיין מצליח געווען, מרן שליט"א האט איבערגעגעבן דארטן למדנ'ישע שיעורים אויף די ישיב'ישע מהלך טאג איין טאג אויס, [ שפעטער איז די אלע שיעורים אריינגעלייגט געווארן אין ספר 'מועדים וזמנים', וואס די יסוד פאר די ספר איז טאקע געווען די אלע שיעורים].

**און** ב"ה א קורצ'ע צייט נאך וואס ער האט געעפנט די כולל וואס איז אין אנפאנג געווען פארווארפן, און קיין איין ביהמ"ד האט איר נישט געוואלט האלטן אין זיך, איז פארשפרייט געווארן גאר שטארק לטובה, אזוי ווייט אז די שוהל וואס האט איינהאלטן די כולל אין זיך איז געווארן די סענטער פון שטאט, עד כדי כך אז ס'איז אנגעקומען בקשות צו מרן שליט"א פון אנדערע בעלי בתים וואס האבן אין אנפאנג נישט געוואלט אריינגעמען די כולל אין זייערע שוהלן, און יעצט זענען זיי זיך געקומען בעטן אז מרן שליט"א זאל מסכים זיין אריבערצופירן די כולל צו זיי.

**אבער** כאטש וואס פון א רוחניות'דיגע שטאנדטפונקט האט די כולל זייער מצליח געווען, איז אבער די גשמיות'דיגע לאגע געווען אומדערטרעגליך, און ס'איז נישט געווען שייך אנצוהאלטן די כולל אין אזא מצב, דעמאלט'ס האט מרן שליט"א זיך אונטערגעגארטלט מיט כוחות, און זיך ארויסגעלאזט קיין אמעריקא, אויפצורודערן די ברודער אין אמעריקא צו העלפן ראטעווען די יהדות תימן, און בפרט אז די כולל זאל ווייטער קענען אנהאלטן, וויבאלד ער האט געזעהן אז אין דעם ווענדט זיך די גאנצע קיום פון די תימנ'ער אידנטום אין ראש העין.

**ספעציעל** איז ער דעמאלט'ס אראפגעפארן קיין 'אריזאנע' צו פארווילן במחיצת קדשו פון מרן הגה"ק בעל 'דברי יואל' פון סאטמאר זיע"א, וואס כאטשיג ער פלעגט נישט רעדן פארן דאווענען, דאך איז ער יענע טאג ארויס פון זיין געוואוינהייט, און אים אויפגענומען פארן דאווענען, און אים געזאגט 'מיט דיר קען איך רעדן אויך פארן דאווענען', ביינאכט האט ער געפרעגט פון מרן שליט"א די ציל פון זיין אהערקומען

, און ווען ער האט אים געענטפערט אז ער איז געקומען צו קענען אנהאלטן די כולל צו ראטעווען יהדות תימן, האט הגה"ק מ'סאטמאר זיע"א אויסגעטאפט אלע זיינע טאשן, און געזאגט פאר מרן שליט"א 'די גאנצע געלט וואס איך וועל טרעפן אין מיין טאש געב איך פאר דיר', און ער האט אים טאקע אהינגעגעבן וואס ער האט געהאט דארטן.

## שאלה וואס איז אנגעפרעגט געווארן ביי מרן פוסק הדור שליט"א

**איינער** האט אנגעפרעגט ביי מרן שליט"א, אויב ער מעג עוסק זיין אין א שידוך פון א בחור וואס האט בעבר געהאט א גייסטישע בראך, און די דאקטורים האבן א חשש אז ס'איז א גענעטיק פראבלעם וואס איז אריבערגעגאנגען פון זיינע עלטערן, אבער ס'איז נישט קיין זיכערע זאך, און די דאקטורים זאגן אז אויך אויב ס'וועט צוריק קומען קען מען קעיר נעמען פון דעם מיט מעדיקעישן, זיין שאלה איז צו ער מעג טוהן אין די שידוך, און אנטראגן פאר די צווייטע זייט אן זיי לאזן וויסן די מצב.

**האט** אים מרן שליט"א געפרעגט: 'וואס דארפ'סטו זיך אריינמישן אין די נושא?', האט ער געענטפערט: 'מ'רעדט דא פון מיין ברודער, און מיינע עלטערן האבן מיר געבעטן עוסק צו זיין אין דעם', האט אים מרן שליט"א געענטפערט: 'דו קענסט אנטראגן א שידוך אבער נישט נעמען קיין אחריות, און זאלסט זאגן אז דו פירסט נישט די שידוכים'.

די הוצאות הגליון די וואך איז נתנדב געווארן דורך
הרבני הנגיד, הנכבד והמפואר, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה
הרה"ח ר' **דוד שטיינבערג** שליט"א
מגדולי נאמני ומקורבי כ"ק מרן פוסק הדור שליט"א,
ובעל אכסניה של מרן שליט"א ב'וויליאמסבורג
יה"ר שהזכות הפצת התורה בישראל ישפיע עליו ועל משפחתו כל טוב סלה

צו באקומען וועכנטליך די גליון שיקט א אימעיל צו: 7110992@gmail.com

צו האבן א זכות אין פארשפרייטן די הייליגע ספרים און גליונות אזוי האוכט -
צו אריינשיקן פאר די מערכת הערות והארות וועגן די גליון און וועגן די ספרים
שיקט א אימעיל צו gilyonhuraved@gmail.com
די נאמבער פאר נדבות און הנצחות איז: 17166234717